ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

כתובים בידי הרבנית הצדקנית
מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל
**מוהר״ר ר׳ לוי יצחק**
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת
**אדמו״ר מנחם מענדל**
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ב של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

אסרו חג השבועות, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.


RESHIMAS ZICHRONOS
KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 31



Published and Copyrighted © 2012
by



KEHOT PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com



All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.



*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

# לערנען מיט דער אַלטער מעטאָדע

מען האָט געבראַכט נאָך צוויי רבנים פון אַנדערע שטעט[465], אַלץ אויף ניט לאָזן די חסידעשע ווירקונג זאָל גובר זיין.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען וועגן חנוך, וועגן אַ ישיבה פראָגראַמע, און די למודים. צו נאָך דער נייער שטה, צו די אַלטע.

עס איז געווען די צייט וואָס מען האָט איינגעפירט חדרים מתוקנים, האָט דאָס דעמאָלט געהייסן, אין עברית בעברית[466].

געוויינליך פאַר דער נייער באַוועגונג, איז געווען דער רוֹב, די מערהייט, און די רייכערע לייט. האָבן זיי אויך געבויט אַ ישיבה, אין וועלכער מען האָט געלערנט אַלץ נאָך דער נייער שטה.

איך געדיינק, אַז ער האָט געמאַכט אַן אסיפה, אויף דורכפירן מען זאָל מאַכן אַ גרויסע תלמוד־תורה און העכערע קלאַסן פון גמרא מיט רש"י, און מען זאָל דאָרט לערנען אל"ף־בי"ת מיט נקֻדות[467], וואָס דאָס האָט זיך גערעכנט זייער ניט פּעדאַגאָגיש.

אויף דער אסיפה איז געווען אַ שניידער וואָס האָט די זאַך אַבסאָליוט ניט פאַרשטאַנען. האָט ער אים געוואָלט מאַכן נענטער, און ער זאָל בעסער פאַרשטיין די זאַך. האָט ער אים געפרעגט: זאָגט מיר ר' אברהם איציא, ווי איז בעסער, אַז מען פרעסט אַ שטיקל אַרבעט, מיט אַן אַייזערנעם־פּרעס וועלכן מען וואַרמט שטאַרק אָן און ווערט זייער הייס

---

465) אחד מהם – הרב פינחס גלמן (תר"מ־תרפ"א), שכיהן קודם לכן כרב בעיר טראשצ'ה, ואכן המשיך לכהן ברבנות יקטרינוסלב (לצד כ"ק רלוי"צ) עד פטירתו.

466) שיטת רבותינו נשיאינו נגד הלימוד „עברית בעברית" – אדרות־קודש כ"ק אדמו"ר מהורש"ב ח"ב ע' תתכא. ספר השיחות תרצ"א ע' 195. ע' 199. ובמכתב ו' שבט תשי"ד (אגרות־קודש ח"ח ע' קמו): „לימוד עברית בעברית. – ידוע עד כמה נלחמו בזה נשיאינו רבותינו (למרות ה„טענות" של ה„מחנכים" שחפשו כביכול „טובת" התלמידים, וה"ה הנימוקים שמעתיק במכתבו)".

467) ראה אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר מהורש"ב ח"ה ע' סז ואילך. ע' קלו ואילך. ספר השיחות תרפ"ט ע' 44.

— די הייך האַלט ליינג; צי אַ פּאַראַוואָי־פּרעס[468] וואָס מען דאַרף אַלעמאָל צושיטן קוילן, אים עפּענען און פאַרמאַכן — נאָך דער נייער מאָדע?

דעמאָלט איז אים די זאַך געוואָרן זייער פאַרשטאַנדיק, און האָט אַזוי פעסט געזאָגט, געוויס אַ אייזערנער פּרעס, ווי מען האָט אַמאָל געטאָן.

און ער איז צוגעשטאַנען צו דער קאַטיעגאָריע וואָס האָבן געגעבן שטימעס פאַר לערנען מיט דער אַלטער מעטאָדע, היינו: אלף־בית, און חומש, מיט תנ"ך. ניט ספורי המקרא[469]. און פון תנ"ך לערנען נאָך דעם סדר, ניט אויסקלייבן וואָס עס געפעלט[470], און וואָס מען געפינט פאַר ניט נויטיק — ניט לערנען.

שרייבן איז דאָס ניט שווער וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מין קאַמף עס איז אין יענער צייט געווען!

* * *

## געקומען בעטן מחילה ביי שניאורסאָהן

אין דער ישיבה האָט מען געלערנט נאָך דער נייער מעטאָדע, און דאָרט האָט אָנגעפירט דער צד שכנגד, געווען דאָרט אַזעלכע פון די מעמבערס וואָס האָבן געוואָלט אַז שניאורסאָהן זאָל קומען אַהין שבת אַמאָל דאַוונען, און די קינדער זאָלן הערן פון אים וואָס ער רעט, און געווען דאָרט איינער פון די מתעסקים וואָס האָט דאָס ניט צוגעלאָזט בשום אופן. ער האָט ניט געוואָלט, אַז ניט שניאורסאָהן, און ניט זיין שיטה, זאָל האָבן דאָרט עפּעס אַ השפעה. דאָס איז געווען שוין ניט קיין יונגער מענטש, פון דער בושזיאזי[159], ווי מען האָט דאָרט דאָס גערופן.

איך געדיינק, ער איז עפּעס אין אַ צייט אַרום געוואָרן ניט געזונט,

---

468) מגהץ אדים.

469) בבתי־הספר של תנועת ההשכלה נהגו ללמוד מתוך גרסאות מקוצרות של התנ"ך, שנקראו „סיפורי המקרא".

470) ראה גם אגרות־קודש אדמו"ר הצמח צדק ח"א ע' שמג.

האָט ער צוגעשיקט זיין זון, ער איז שוין געווען געוויינליך פרייער, ווי אַ יונגערער: איך בין געקומען צו אייך, רבי, פון דעם נאָמען פון מיין פאָטער, ער בעט אייך איר זאָלט אים מוחל זיין, ער איז ניט געזונט, און וויל איר זאָלט אים ווינטשן אַ רפואה. ער האָט ניט געמיינט אַנטקעגן אייער כבוד טאָן עפּעס וואָס, ער האָט אייך ניט געלאָזט אַהין, דאָס איז געווען אַנדערע סבות. א.ז.וו.

* * *

## דער שוחט איז געוואָרן אַ מקורב צו שניאורסאָהן

דער שוחט וואָס איך האָב אויבן געשריבן, איז געווען ניט קיין עם הארץ, נאָר אַ געגענער פון חב״ד׳נע חסידות, ווי ער פלעגט זאָגן.

דערנאָך, אַז דער טומל פון דער העברה האָט זיך אַיינגעשטילט, האָט ער אָנגעהויבן גיין אַלע שבת צו חסידות, און האָט דאָס אָנגעהויבן לערנען, און ווי אַ איד וואָס קען לערנען האָט ער פאַרשטאַנען אויך. און האָט געזאָגט אַז די יסורים וואָס ער האָט געהאַט, איז כדאי געווען כדי צו ווערן איצט אַ מקורב צו שניאורסאָהן.

מען האָט געזען אַז דער אַווטאָריטעט פון שניאורסאָהן, חאָטש ער איז אַ יונגערמאַן, און פון חסידים — איז גרויס. האָבן, די געגנער גיוויינליך, אָנגעהויבן צונעמען מער מיטלען אויף ניט דערלאָזן דאָס.

* * *

## אַן אַרטיקל מיט אַן „על־חטא״

איך געדיינק, אַז איינער איז אַרויס מיט אַ מאמר אין אַ שטאָטיקן רוסישן בלאַט („פּייפּער״), אַזוי ווי דאָ איז געוואָרן אַ רב אַן אייניקל פון דעם צמח־צדק, וועלכער איז געווען בגילוי אַנטקעגן השכלה[471], אויף די אסיפות וואָס ער האָט גענומען אַן אָנטייל, במילא איז יעדער איד וואָס

471) ראה בארוכה קונטרס אדמו״ר „הצמח צדק״ ותנועת „ההשכלה״ (קה״ת, תש״ו. תשל״ט).

ציוויליזאַציע איז ביי אים טייער, מחוייב, טאָן אַלץ אַז ער, שניאורסאָהן, זאָל ניט האָבן קיין ווירקונג אין שטאָט, ווייל עס איז אַ סכנה פאַר דעם פראָגרעס, און די רעאַקציא קען זיך שטאַרקן.

אין אַ יאָר אַרום איז פון דעם אייגענעם, געווען אַ גאַנצער אַרטיקל מיט אַן „על־חטא", אַז ער האָט גאָרניט געוואוסט ווי הויך מען דאַרף אים, שניאורסאָהן, שעצן, אַז זיינע געגנערס פאַרשטייען ניט אפילו זיין שיחות־חולין[472]. און מען דאַרף שניאורסאָהן העלפן אין זיין אַרבעט, ניט אָפּשוואַכן זיינע כחות.

מען האָט געזען אַז מיט זיין רעדן אין די שולן, יו"ט געוויינליך, און זיין אַרבעט בכלל, ציט צו אַסך עולם, און ער פאַרנעמט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן אָרט, ניט ווי די געגנער האָבן געמיינט.

האָט מען אַלץ אָנגעהויבן טראַכטן מיטלען ווי דאָס ניט דערלאָזן.

דאָס איז שוין געווען אַזאַ פעריאָד, וואָס גלאַט מבטל זיין אים האָט מען ניט געקאָנט, האָט מען אָנגעהויבן נוצן דיפּלאָמאַטישע וועגן. שטעלן אַלעמאָל אַנדערע שאלות אויף די אסיפות פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם. און מיט כשר'ע און ניט כשר'ע דרכים, מאַכן שטימעס עס זאָל זיין אַ מערהייט אַנטקעגן שניאורסאָהן, זיי האָבן געוואָלט מיט וואָס עס איז ווייזן, אַז שניאורסאָהן איז דער צווייטער רב, ניט דער ערשטער, און דאָס וועט אים ניט לאָזן וואַקסן. און זיין ווירקונג וועט זיין ניט אַזוי גרויס.

* * *

## מיר קענען דאָך קיין עברי ניט

אויף דאָס דורכצופירן, האָט מען געמאַכט ספּעשל אַ זיצונג, און עס איז דורכגעפאַלן. האָט מען אָנגעשריבן אַ כתב רבנות מיט דעם נוסח ווי זיי, די געגנער, האָבן געוואָלט, און מען האָט אים געטראָגן חתמ'נען צו יעדער מעמבער אַ היים. די אַלע שטימען וואָס זיינען געווען פאַר דעם נוסח, האָבן געוויינליך גע'חתמ'ט.

472) ראה סוכה כא, ב. ע"ז יט, ב.

דערנאָך האָט מען דאָס געגעבן אויף דער חתימה איינעם אַ באַנקיר, וואָס האָט לשון קודש זייער שוואַך פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, נאָך די נעמען – ווער עס איז דאָ און ווער עס פעלט – אַז דאָס איז עפּעס ניט גלאַט. האָט ער זיי געענטפערט, אַז מען וועט אים ברייגגען דעם כתב מיט פאַלייס חתימה, דעמאָלט וועט ער חתמ׳נען. האָט מען דעם כתב דַן געוועזן לשרפה.

און אין עטליכע טעג אַרום האָט מען געמאַכט אַ זיצונג נאָר פון דרייען, די צוויי אָנפירער פוןביידע פאַרטייען[473], און איינעם אַ נייטראַלן, אַ לאָיער, זייער אַן אָנגעזעהנער מענטש אין שטאָט.

דער לידער[474] פון דער צווייטער פאַרטיי האָט געמאָנט, מען זאָל שניאורסאָהן געבן חאָטש מיט צען רו״כ אַ חודש ווייניקער שכירות, אָדער ער זאָל האָבן אַלעמאָל די צווייטע חתימה, ניט די ערטשע.

אויף דעם האָט אים דער לאָיער געפרעגט אַ טעם, האָט ער געענטפערט אַז דער אַנדער רב קען בעסער לערנען.

ער אַליין וואָס האָט געזאָגט די מבינות איז געוועזן אַן עם־הארץ גמור. פאַליי האָט געקאָנט גוט לערנען, אָבער ער האָט דאָך אים ניט געוואָלט מבייש זיין, האָט ער אים מיט דרך־ארץ געזאָגט, מאַיסיי יודאָוויטש[475] האָט ער געהייסן, „מיר קענען דאָך קיין עברי ניט״, ווי קענען מיר זאָגן מבינות ווער עס קען בעסער לערנען!

און דער לאָיער איז געוועזן ניט קיין פשוטער. ער האָט געזאָגט, אַז ווי ער האָט מיט זייביידן גערעט, ווייזט אים אויס אַז שניאורסאָהן קען בעסער. און די שאלה איז ווייטער דורכגעפאַלן.

* * *

473) פאַליי – מטעם תומכי רלוי״צ, וכרפס – מטעם מתנגדיו.

474) מנהיג.

475) משה בן יהודה – שמו של משה כרפס (תרי״ב־תרע״ד – איל מכרות ותעשייה שכיהן כפרנס הקהילה ביקטרינוסלב) בגרסתו הרוסית.

## על משמר טהרת החינוך

למעשה הובאו שני רבנים נוספים מערים אחרות[246], הכל כדי שלא להניח להשפעה החסידית לגבור.

לאחר־מכן החל מאבק על החינוך — על תכנית להקמת ישיבה, ועל סדר הלימודים בה — האם יהיה על־פי השיטה החדשה או הישנה.

היתה זו התקופה שבה הונהגו "חדרים מתוקנים" — כך הם נקראו אז — שבהם למדו בשיטת "עברית בעברית"[247].

רוב הציבור — ובפרט האמידים שבהם — תמכו, כמובן, בתנועה החדשה, ובהתאם לכך אף הקימו ישיבה שבה התנהלו כל הלימודים על־פי השיטה החדשה.

אני זוכרת שבעלי ערך אסיפה במטרה להביא לידי פועל את ייסודו של תלמוד־תורה גדול — כולל כיתות גבוהות יותר שבהן ילמדו גמרא עם רש"י — שבו ילמדו אל"ף־בי"ת עם נקודות[248], שיטה שנחשבה אז בלתי־פדגוגית בעליל.

באסיפה זו השתתף חייט, שלא הבין כלל את העניין. בעלי ניסה אפוא לקרב אותו אל הדברים, כדי שיבין את העניין טוב יותר. שאל אותו בעלי: "אמור לי, ר' אברהם איצ'ה, כיצד טוב יותר לגהץ בגד לאחר גמר תפירתו — האם במגהץ ברזל, שמחממים אותו היטב קודם לכן עד שנעשה חם מאוד, וחומו מחזיק מעמד זמן רב, או שמא במגהץ קיטור, שצריך תמיד להוסיף לתוכו גחלים, תוך פתיחתו וסגירתו, בהתאם לאופנה החדשה?"...

או־אז התבהר לו העניין היטב, והוא אמר בתוקף: "ודאי שעדיף

---

246) אחד מהם — הרב פינחס גלמן (תר"מ־תרפ"א), שכיהן קודם לכן כרב בעיר טראשצ'ה, ואכן המשיך לכהן ברבנות יקטרינוסלב (לצד רלוי"צ) עד פטירתו.

247) שיטת רבותינו נשיאינו נגד הלימוד "עברית בעברית" — אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב ח"ב ע' תכא. ספר השיחות תרצ"א ע' 195. ע' 199. ובמכתב ו' שבט תשי"ד (אגרות־קודש ח"ח ע' קמו): "לימוד עברית בעברית. — ידוע עד כמה נחמו בזה נשיאינו רבותינו (למרות ה"טענות" של ה"מחנכים" שחפשו כביכול "טובת" התלמידים, וה"ה הנימוקים שמעתיק במכתבו)".

248) ראה אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב ח"ה ע' סז ואילך. ע' קלו ואילך. ספר השיחות תרפ"ט ע' 44.

מגהץ ברזל, כפי שהיו מגהצים פעם". הוא הצטרף, איפוא, לקבוצת האנשים שנתנו את קולם בעד לימודים בשיטה הישנה, היינו: אלף־בית, חומש ותנ"ך, ולא "סיפורי המקרא"[249]; ומהתנ"ך גופו — ללמוד על־פי הסדר, ולא לבחור את החלקים המוצאים חן בעיני המלמד[250], ואותם חלקים שאינם חשובים בעיניו — לא ללמד.

לכתוב על כך — אין זה קשה. אבל מה קשה היה המאבק על כך באותו ימים!

באותה ישיבה למדו על־פי השיטה החדשה, ומנהליה נמנו על "הצד שכנגד". אחדים מחברי ההנהלה רצו ששניאורסון יבוא מפעם לפעם להתפלל שם בשבת, ושהילדים ישמעו את דבריו, אבל אחד מהמתעסקים שם לא הניח לעשות זאת בשום־אופן. הוא לא רצה שלשניאורסון או לשיטתו תהיה שם השפעה כלשהי. אדם זה כבר לא היה צעיר, והוא נמנה על ה"בורגנים"[72] (כפי שהם נקראו שם).

כעבור זמן־מה, זכורתני, נפל אדם זה למשכב, ושלח את בנו — שכאדם צעיר היה, כרגיל, חפשי עוד יותר בדעותיו — בשליחות אל בעלי: "באתי אליכם, רבי, בשם אבי. הוא מבקש מכם שתמחלו לו. הוא אינו בריא, ורצונו שתאחלו לו רפואה. לא היתה לו כל כוונה לעשות דבר־מה הפוגע בכבודכם בכך שלא הניח לכם להיכנס לשם, אלא היו לכך סיבות אחרות" וכו׳.

## מתנגדים שהפכו לתומכים

השוחט, שעליו כתבתי לעיל, לא היה עם־הארץ, אך היה מתנגד לחסידות חב"ד — כך נהג לומר.

לאחר־מכן, כששככה המהומה שנגרמה בשל העברתו משחיטתו, החל שוחט זה להגיע לביתנו מדי שבת לשמיעת מאמר חסידות, וכך החל ללמוד חסידות, וכיהודי שידע ללמוד — גם הבין מה שלמד. הוא אמר שכדאיים היו הייסורים שסבל כדי להפוך עתה למקורב לשניאורסון!

ניכר היה שסמכותו של שניאורסון — על־אף היותו אדם צעיר ועל־אף שנמנה על עדת החסידים — היא גדולה. מתנגדיו החלו, איפוא, לנקוט באמצעים רבים יותר כדי שלא להניח לזה לקרות.

---

249) בבתי־הספר של תנועת ההשכלה נהגו ללמוד מתוך גרסאות מקוצרות של התנ"ך, שנקראו "סיפורי המקרא".

250) ראה גם אגרות־קודש אדמו"ר הצמח צדק ח"א ע׳ שמג.

זכורתני שאחד מהם פרסם מאמר בעיתון רוסי עירוני, ותוכנו: מאחר שנתמנה כאן לרב נכדו של ה"צמח־צדק", שהתנגד בגלוי לתנועת ההשכלה[251] באספות שבהן נטל חלק — צריך כל יהודי שהציוויליזציה יקרה לו לעשות הכל כדי שלא תהיה לו, לשניאורסון, כל השפעה בעיר, שכן השפעתו היא סכנה לקדמה, ועלולה לגרום להתחזקותה של הריאקציה.

כשנה לאחר־מכן התפרסם על־ידי אותו אדם מאמר שלם, שבו הוא מכה "על חטא", ומצהיר שלא היה לו מושג עד כמה גדולה היא ההערכה שצריכה להיות כלפי שניאורסון, שמתנגדיו אינם מבינים אפילו את שיחות החולין שלו[252], ושיש לסייע לשניאורסון בעבודתו, ולא להחליש את כוחותיו.

## מי למדן גדול יותר?...

מתנגדיו של הרב ראו שדרשותיו בבית־הכנסת — בדרך־כלל בימים־טובים — ופעילותו בכלל, מושכות ציבור רחב, ועם הזמן הוא תופס מקום גדול יותר בציבור, בניגוד למה שציפו המתנגדים. הם החלו, אפוא, לחשוב על דרכים כדי שלא להניח להשפעתו להתרחב.

המדובר היה בתקופה שבה כבר לא ניתן היה לבטל את כוחו סתם כך. הם החלו, איפוא, להשתמש בדרכים דיפלומטיות: בכל פעם היו מעלים לדיון שאלות שונות באסיפות הוועדה שעסקה בעניין זה, ובדרכים שונות, כשרות ושאינן־כשרות, ניהלו את ההצבעות כך שהרוב יהיה נגד שניאורסון. הם ניסו להראות, בכל דרך שהיא, ששניאורסון הוא הרב השני ולא הרב הראשון, בתקווה שהדבר ימנע ממנו לשגשג בתפקידו, וכך השפעתו לא תהיה גדולה מדי.

כדי להביא את רצונם לידי פועל, ערכו הללו אסיפה מיוחדת, אך הצעתם נפלה. הם כתבו, אפוא, כתב רבנות — אבל על־פי הנוסח שהם, המתנגדים, רצו בו. כתב הרבנות הובא אל ביתו של כל אחד מחברי הקהילה כדי שיחתום עליו.

מובן שכל אלו שהצביעו בעד נוסח זה — חתמו עליו. לאחר־מכן הובא הכתב לחתימה לאחד מחברי הקהילה, בנקאי במקצועו, שהבנתו

251) ראה בארוכה קונטרס "אדמו"ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה" (קה"ת, תש"ו. תשל"ט).

252) ראה סוכה כא, ב. ע"ז יט, ב.

בלשון־הקודש היתה דלה ביותר, אך הוא הבין על־פי השמות — מי חתום על הכתב ומי חסר — שדבר־מה אינו כשורה. הוא השיב להם, אפוא, שכשיביאו לו את הכתב חתום על־ידי פאליי — או־אז יחתום גם הוא. הם דנו אפוא את הכתב לשרפה...

כעבור מספר ימים נערכה אסיפה נוספת, שבה השתתפו רק שלושה: שני מנהיגי שתי המפלגות[253], ואדם נייטראלי, עורך־דין במקצועו, מנכבדי העיר.

ראש המפלגה השנייה דרש ששכרו של שניאורסון יהיה קטן לפחות בעשרה רובלים לחודש משכרו של הרב השני, או שחתימתו תהיה תמיד השנייה ולא הראשונה. עורך־הדין שאל אותו לסיבת הדבר, והלה ענה שהרב השני הוא למדן גדול יותר.

אדם זה — שאמר את ה"מבינות" על למדנותם של הרבנים — היה עם־הארץ גמור. פאליי ידע ללמוד היטב, אבל מאחר שלא רצה לבייש את אותו אדם, אמר לו בדרך־ארץ: "מאיסיי יודוביץ'"[254] — כך היה שמו — "הרי אנו איננו יודעים כלל 'עברי', כיצד נוכל לומר 'מבינות' בשאלה מי מהרבנים למדן גדול יותר?"...

עורך־הדין, שבעצמו לא היה אדם פשוט, הצהיר שלאחר ששוחח עם שני הרבנים, נראה לו ששניאורסון הוא למדן גדול יותר. כך ירדה מעל הפרק גם שאלה זו.

---

253) פאליי — מטעם תומכי רלוי"צ, וכרפס — מטעם מתנגדיו.

254) משה בן יהודה — שמו של כרפס בגרסתו הרוסית.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב